# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ד - גליון קכט**

**פרשת ויחי**

בענין

**ביאור דברי הגמרא מסכת תענית 'יעקב אבינו לא מת' וקישורה עם רב נחמן ורבי יצחק דיתבי בסעודתא**

**וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה וַיְהִי יְמֵי יַעֲקֹב שְׁנֵי חַיָּיו שֶׁבַע שָׁנִים וְאַרְבָּעִים וּמְאַת שָׁנָה:** (בראשית מז, כח)

**וַיְכַל יַעֲקֹב לְצַוֹּת אֶת בָּנָיו וַיֶּאֱסֹף רַגְלָיו אֶל הַמִּטָּה וַיִּגְוַע וַיֵּאָסֶף אֶל עַמָּיו:** (בראשית מט, לג)

## גמרא מסכת תענית

שטייט אין **גמרא מסכת תענית** (ה, ב): **רב נחמן ורבי יצחק הוו יתבי בסעודתא** - רב נחמן און רבי יצחק זענען געזעצן צוזאמען ביי א סעודה, **אמר ליה רב נחמן לרבי יצחק** - האט רב נחמן געזאגט פאר רבי יצחק: **לימא מר מילתא** - זאג עפעס א דבר תורה! **אמר ליה** - האט רבי יצחק געזאגט פאר רב נחמן, **הכי אמר רבי יוחנן** - אזוי האט רבי יוחנן געזאגט: **אין מסיחין בסעודה, שמא יקדים קנה לושט, ויבא לידי סכנה** - מען טאר נישט רעדן און שמועס'ן אינמיטן א סעודה, ווייל מען קען צוקומען צו א סכנה, ווייל ווען א מענטש רעדט עפענט זיך אויף די 'קנה', און בשעת ווען א מענטש עסט עפענט זיך אויף די 'ושט', און אויב מען רעדט אינמיטן א סעודה, קען די עסן ח"ו אריינגיין אין די 'קנה', און מען קען צוקומען צו א סכנה. איז וועגן דעם - האט רבי יצחק געזאגט פאר רב נחמן - קען איך נישט יעצט נאכזאגן א דבר תורה ווייל מען האלט יעצט אינמיטן א סעודה. זאגט די גמרא ווייטער: **בתר דסעוד אמר ליה** - נאך זיי האבן געענדיגט די סעודה, האט רבי יצחק געזאגט פאר רב נחמן: **הכי אמר רבי יוחנן** - אזוי האט רבי יוחנן געזאגט: **יעקב אבינו לא מת** - יעקב אבינו איז נישט געשטארבן, נאר ער לעבט נאך.

**אמר ליה** - האט רב נחמן געפרעגט פאר רבי יצחק: **וכי בכדי ספדו ספדניא וחנטו חנטייא וקברו קברייא** - ווי אזוי קענסטו זאגן אז 'יעקב אבינו לא מת', עס שטייט דאך קלאר אין די פסוקים (בראשית נ, ב; שם י; שם יג) אז מען האט מספיד געווען יעקב אבינו, און מען האט אים חונט געווען און מען האט אים באגראבן, איז ווי אזוי קענסטו זאגן אז יעקב אבינו לא מת? **אמר ליה** - האט רבי יצחק געזאגט פאר רב נחמן, דעס וואס איך האב געזאגט אז 'יעקב אבינו לא מת', האב איך נישט געזאגט פון מיין אייגענע סברא, נאר: **מקרא אני דורש** - איך דרש'ן עס פון א פסוק, **שנאמר** (ירמיהו ל, י) **וְאַתָּה אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב נְאֻם ה' וְאַל תֵּחַת יִשְׂרָאֵל כִּי הִנְנִי מוֹשִׁיעֲךָ מֵרָחוֹק וְאֶת זַרְעֲךָ מֵאֶרֶץ שִׁבְיָם** - אין דער פסוק ווי עס שטייט אז די אייבישטער גייט אויסלייזען כלל ישראל פון גלות, ווערט דערמאנט 'יעקב', און אויך זיינע קינדער, איז וועגן דעם: **מקיש הוא לזרעו** - איז מען 'מקיש' יעקב צו זיינע קינדער, **מה זרעו בחיים** - פונקט ווי 'זרעו' וועט די אייבישטער אויסלייזן פון גלות לעבעדיגערהייט, **אף הוא בחיים** - אזוי אויך יעקב אבינו וועט ארויסגיין פון גלות לעבעדיגע הייט, ווייל 'יעקב אבינו לא מת'.

(עיי"ש ברש"י ד"ה מקרא אני דורש, שמפרש שתירוצו על קושית רב נחמן 'וכי בכדי ספדו וכו'' הוא, שהאי דחנטו חנטיא וכו' סבורים היו שמת. ואכמ"ל).

## דרכו של הבנין אריאל

די **גדולי המפרשים** זענען מבאר דער גמרא בדרך פלפול וחידוד, צו מקשר זיין פארוואס רבי יצחק האט פונקט נאכגעזאגט דער מימרא פון רבי יוחנן אז יעקב אבינו לא מת דא ביי דער סעודה.

די גרויסע גאון המפורסם ורבן של ישראל **רבי שאול אבדק"ק אמשטרדם** אין זיין הפלא'דיגע ספר **'בנין אריאל'** איז מבאר דער גמרא בדרך נפלא, וזה לשונו: **ראוי להתעורר מה ראה רבי יצחק שאמר מימרא זו בתר דסעיד**. און ער איז מבאר: **ונראה לפי שרבי יצחק היה אורח בסעודה זו שזימנו רב נחמן כדמשמע שם, ורצה רבי יצחק לרמז לו שנכון ליתן לו כוס של ברכה, כי האורח מברך והיה אפשר להשיב לו על רמז שאלתו, לכך הקדים לומר הך דרבי יוחנן דיעקב אבינו לא מת** - פירוש: קודם איז רבי שאול מחדש, אז דעס וואס רב נחמן און רבי יצחק זענען

געזעגן צוזאמען ביי א סעודה, איז געווען אז רב נחמן האט איינגעליידענט רבי יצחק צו זיך, און רבי יצחק איז געווען די 'גאסט' ביי רב נחמן. און רבי שאול שרייבט: **'כדמשמע שם'**.

**ווי איז עס משמע?**

**רש"י** דארט אין **מסכת תענית** (ד"ה כי הוה מיפטר) שרייבט: **כי הוה מיפטר רב נחמן מרב יצחק**. וואס פון דעם איז בעצם משמע אז רב נחמן איז געווען די גאסט ביי רבי יצחק, און נישט רבי יצחק ביי רב נחמן. אבער די **יעב"ץ** (בהגהותיו שם) שרייבט אויף דער רש"י: **כסבור היה** (רש"י) **רב נחמן היה האורח, ואינו נראה אלא רב נחמן הוה בעל הבית כי הוא סתם רב נחמן חתניה דרבן גמליאל הוה, דעשיר הוה, הוא היה בעל הסעודה, לכן נזכר בראשונה, ורבי יצחק האורח באחרונה. וכן ממה שאמר רב נחמן לרבי יצחק לימא מר מילתא נראה כן** - פירוש: די יעב"ץ שרייבט אז פון די גמרא איז משמע אז רב נחמן איז געווען די מארח, און רבי יצחק איז געווען די 'אורח'. קודם ווייל רב נחמן איז געווען א גרויסע עושר, און ער איז געווען די איידעם ביי רבן גמליאל די 'ריש גלותא', און עס איז מער מסתבר אז רב נחמן איז געווען די 'מארח', און אזוי אויך ווערט די נאמען פון רב נחמן קודם דערמאנט, איז מער מסתבר אז ער איז געווען די 'מארח', בנוסף, וואס מען זעהט אז רב נחמן האט געזאגט פאר רבי יצחק אז ער זאגן עפעס א דבר תורה, אין עס פאסט מער פאר די 'מארח' זאל בעטן פון די 'אורח' זאל זאגן א דבר תורה, ווי פארקערט. על כל פנים איז משמע פון דער גמרא אז רבי יצחק איז געווען אן 'אורח' ביי רב נחמן. און רבי יצחק האט געוואלט מרמז זיין פאר רב נחמן אז ער דארף באקומען בענטשען אזוי ווי די דין איז אז **'אורח מברך'** (ברכות מו, א) וועגן דעם האט ער אים נאכגעזאגט די מימרא פון רבי יוחנן אז 'יעקב אבינו לא מת'.

און די בנין אריאל הייבט אן צו מסביר זיין, און ער שרייבט: **כי הרב של"ה בהלכות פסח דף קי"ט עמוד ב, ועוד גדולים אחרים כתבו אהך מימרא דפרק ערבי פסחים** (קיט, ב) **דלעתיד לבוא הקב"ה עושה סעודה לצדיקים ונותנים כוס של ברכה כו', ודוד המלך אומר אני מברך, ולי נאה לברך, שנאמר כוס ישועות אשא. וכתבו הם הטעם, כי נאה לו לברך לפי שבא מרות המאוביה והוא כמו אורח, דקיימא לן אורח מברך, עיי"ש באורך. הרי שיש ללמוד מזה דאורח מברך** - פירוש: אין **מסכת פסחים** (קיט, ב) שטייט: **כתיב** (בראשית כא, ח) **וַיִּגְדַּל הַיֶּלֶד וַיִּגָּמַל** וַיַּעַשׂ אַבְרָהָם מִשְׁתֶּה גָדוֹל בְּיוֹם הִגָּמֵל אֶת יִצְחָק, און לכאורה די ווארט 'הילד' און די פסוק איז איבריג ווייל די גאנצע פרשה פארדעם דארט רעדט זיך פון יצחק, און אזוי אויך די ווארט 'ויגמל' איז איבריג, ווייל צום סוף פסוק שטייט דאך 'ביום הגמל את היצחק' (עי' שם במהרש"א שמפרש כך את דברי הגמרא), נאר על כרחך קומט דער פסוק אונז צו דרשנ'ן אז: **עתיד הקדוש ברוך הוא לעשות סעודה לצדיקים ביום שיגמל חסדו לזרעו של יצחק** - דהיינו די פסוק גייט ארויף אויף די סעודת הצדיקים וואס די אייבישטער וועט מאכן **'ביום שיגמל חסדו'** [וַיִּגָּמַל] פאר די קינדער פון יצחק [הַיֶּלֶד]. און די גמרא פארציילט ווייטער וואס גייט זיין ביי דעם סעודה: **לאחר שאוכלין ושותין נותנין לו לאברהם אבינו כוס של ברכה לברך** - נאך מען גייט ענדיגען דעם סעודה, גייט מען געבן די כוס של ברכה פאר אברהם כדי ער זאל בענטשען ברכת המזון, **ואומר להן** - און אברהם גייט זאגן: **איני מברך, שיצא ממני ישמעאל** - איך קען נישט בענטשען, ווייל פון מיך איז ארויסגעקומען ישמעאל, **אומר לו ליצחק: טול וברך! אומר להן: איני מברך, שיצא ממני עשו** - שפעטער גייט מען געבן די כוס פאר יצחק, און ער גייט זאגן אז ער קען נישט בענטשען ווייל פון אים איז ארויסגעקומען עשו, **אומר לו ליעקב: טול וברך! אומר להם: איני מברך, שנשאתי שתי אחיות בחייהן, שעתידה תורה לאוסרן עלי** - און יעקב גייט זאגן אז ער קען נישט בענטשען, ווייל ער האט חתונה געהאט מיט צוויי שוועסטערס [רחל ולאה], וואס על פי תורה איז עס אסור. **אומר לו למשה: טול וברך, אומר להם: איני מברך, שלא זכיתי ליכנס לארץ ישראל לא בחיי ולא במותי** - און משה גייט זאגן אז ער קען נישט בענטשען, ווייל ער האט נישט זוכה געווען אריין צוגיין קיין ארץ ישראל, נישט בחייו און נישט במותו. **אומר לו ליהושע, טול וברך! אומר להן: איני מברך, שלא זכיתי לבן, דכתיב:** (דברי הימים א ז, כז) יהושע בן נון **נוֹן בְּנוֹ יְהוֹשֻׁעַ בְּנוֹ** - יהושע גייט זאגן אז ער קען אויך נישט בענטשען, ווייל ער האט נישט זוכה געווען צו קיין בנים. ביז מען גייט קומען צו דוד המלך און: **אומר לו לדוד: טול וברך** - און מען וועט מכבד זיין דוד המלך צו בענטשען: **אומר להן: אני אברך, ולי נאה לברך, שנאמר** (תהלים קטז יג) **כּוֹס יְשׁוּעוֹת אֶשָּׂא וּבְשֵׁם ה' אֶקְרָא** - און דוד המלך וועט זאגן 'לי נאה לברך', און אזוי זעהט מען טאקע אין פסוק אין תהלים אז דוד המלך האט געזאגט 'כוס ישועות אשא ומשם ה' אקרא', דהיינו אז דוד המלך ער וועט בענטשען ברכת המזון ביי יענע סעודה.

די **של"ה הקדוש** און זיי ספר **שני לוחות הברית** (מסכת פסחים, מצה שמורה, אות רמד) שרייבט אויף דער גמרא: **אמר** [דוד המלך] **'לי נאה לברך', ואל הגיד הטעם למה לו נאה לברך, ושמעתי, שהסבה היא, מאחר שבא מרות המואביה, והענין כי הדין הוא בעל הבית בוצע והאורח מברך** (ברכות מו, א) **ודוד הוא אורח, כי בא מאומה אחרת מצד האם, ולא מאמה ישראלית, וכן אמר** (תהלים קיט, יט) **גֵּר אָנֹכִי בָאָרֶץ** - פירוש: די של"ה איז מסביר אז די טעם פארוואס דוד המלך האט געהאלטן אז 'לי נאה לברך', איז וויבאלד דוד המלך שטאמט דאך פון רות המואביה (עי' סוף ספר רות), איז דאך דוד המלך אין א בחינה פון א 'אורח', א גאסט, און די דין איז דאך אז 'אורח מברך', און וועגן דעם האט דוד המלך געזאגט אז 'לי נא לברך'.

קומט דער בנין אריאל און שרייבט: **אמנם לפי הגמרא אין הכרח מכאן לדין זה, אלא מטעם המפורש שם שנותנים לאברהם לברך ואמר אני איני מברך שיצא ממנו ישמעאל, וכן יצחק אמר שיצא ממנו עשו, יעקב נשא שתי אחיות וכן כולם עד דוד הגדיל, אם כן אין ראיה מכאן שאורח מברך** - פירוש: די בנין אריאל שרייבט

אז דעם וואס די של"ה שרייבט, אז דוד המלך האט געבענטשט ווייל ער איז געווען א אורח. מפשטות הגמרא קומט אויס אז די טעם פארוואס דוד המלך האט געבענטש איז וויבאלד ער האט נישט געהאט די אלע פראבלעמען וואס די אבות און משה ויהושע האבן געהאט, דהיינו דוד האט נישט געדארפט האבן א עקסטערע סיבה פארוואס צו בענטשען, נאר מיט די עצם זאך אז ער האט נישט געהאט קיין ישמעאל, עשו, אדער חתונה געהאט מיט שתי אחיות, דעס איז שוין גענוג א טעם פארוואס ער האט געדארפט בענטשען, און מען דארף נישט צוקומען צו די טעם פון די של"ה אז דוד המלך איז געווען א אורח.

זאגט אויף דעם דער בנין אריאל: **אך אם נאמר שיעקב אבינו צדיק גמור היה לא נמצא בו שמץ דבר הפוגם כל שהוא - ועל ב' אחיות כבר נמצא בדברי הרא"ם ומהרש"א בחידושי אגדות טעמים נכונים - ואפילו הכי נותנים הכוס של ברכה לדוד נראה מזה דדין הוא שאורח מברך** - פירוש: דער בנין אריאל איז מסביר, אז אה"נ מפשטות הגמרא קומט אויס אז די אבות האבן געהאט א סיבה פארוואס זיי האבן נישט געקענט בענטשען, אבער אויב וועט מען האבן א מקור אז יעקב אבינו איז יא געווען א צדיק גמור - אפילו ער האט חתונה געהאט מיט שתי אחיות - איז אבער דא כמה מהלכים אין די מפרשים אז יעקב האט נישט עובר געווען קיין שום נדנוד של עבירה מיט דעם (הארכנו בזה בגליון יב, פרשת ויצא תשפא), דעמאלטס קומט אויס אז בעצם האט יעקב אבינו יא געדארפט בענטשען, ווייל די חטא פון שתי אחיות איז בכלל נישט געווען קיין חטא, איז פארוואס האט דוד באקומען די בענטשען? נאר על כרחך דארף מען זאגן דער טעם פון די של"ה אז דוד האט געבענטשט מטעם דער דין פון 'אורח מברך'.

לפי דער הסבר שרייבט דער בנין אריאל: **ואם כן יש לומר דרבי יצחק, שנתארח בבית רב נחמן וסעד שם, הוא היה סובר דיעקב אבינו איש תם ושלם בכל מעשיו אין בו דופי אש ימנעהו מלברך על הכוס הישועות, ואפילו הכי זכה בו דוד מפני הטעם הנ"ל, דאורח מברך, ואם כן גם הוא ראוי לכך** - פירוש: רבי יצחק האט געהאלטן אזוי ווי די של"ה הקדוש, אז יעקב אבינו איז געווען א צדיק, און ער האט נישט געהאט קיין שום פגם, און אויב אזוי דארף מען על כרחך זאגן אז די טעם פארוואס דוד המלך האט געבענטשט איז וויבאלד דער דין איז אז 'אורח מברך', וועגן דעם האט יצחק געוואלט מרמז זיין פאר רב נחמן, אז די בענטשען געהערט פאר אים מטעם 'אורח מברך'.

זאגט אבער ווייטער די בנין אריאל: **אמנם על זה היה מקום להקשות, דהיאך אפשר לומר שלא היה ביעקב שום חטא ופגם, אם כן הא דתנו רבנן** (שבת נה, ב) **ארבעה מתו בעטיו של נחש כו', תקשי אמאי לא חשיב נמי ליעקב, אלא על כרחך יעקב נמצא בו חטא, ואם כן יש לומר דאפשר בשביל אותו חטא מנעו ממנו כוס של ברכה, ואין ראיה דאורח מברך** - פירוש: אין גמרא מסכת שבת שטייט: **ארבעה מתו בעטיו של נחש** - פוהר מענטשן זענען געשטארבן וועגן דער חטא פון עץ הדעת [וואס די נחש האט געגעבן די עצה פאר חוה צו עסן דערפון], דהיינו, דער פוהר מענטשען האבן נישט געהאט קיין איין אנדערע חטא וואס מכח דעם זאלן זיי זיין אינטער די גזירה פון מיתה, נאר זיי זענען געשטארבן מכח די חטא פון די עץ הדעת ואלו הן: **בנימין בן יעקב, ועמרם אבי משה, וישי אבי דוד, וכלאב בן דוד**. לפי זה ווערט שווער אויף רבי יצחק, ווייל אויב איז אמת אז יעקב אבינו האט נישט געהאט דער פגם פון שתי אחיות, וואלט דאך יעקב אבינו אויך געדארפט זיין פון די מענטשן וואס זענען געשטארבן מכח 'עטיו של נחש', און פון דעם וואס מען זעהט אז יעקב אבינו איז נישט אין דער רשימה, על כרחך דארף מען זאגן אז דער חטא פון שתי אחיות איז יא א חטא, און אויב אזוי איז נישט דא קיין ראיה אז 'אורח מברך' פון דעם וואס דוד המלך האט געבענטשט, ווייל לעולם האט דוד המלך געבענטשט - פשוט ווייל ער האט נישט געהאט קיין שום אנדערע חטא וואס זאל מעכב זיין?

זאגט דער בנין אריאל: **לפיכך בתר דסעיד אמר ליה רבי יצחק הכי אמר רבי יוחנן יעקב אבינו לא מת, ואם כן שפיר יש לומר שיעקב אבינו כולו תמים ושלם, והא דלא חשיב ליה בהדיא הנך ארבעה שמתו בעטיו של נחש, היינו לפי שיעקב אבינו לא מת כלל, ואי אפשר למחשביה עם אותן שמתו. וכיון שיעקב היה שלם כולו בלי פגם ואפילו הכי נותנים הכוס של ברכה לדוד, על כרחך צריכין לומר משום שהוא אורח ואורח מברך, וחזר הדין שראוי ונכון ליתן לרבי יצחק הכוס של ברכה כי הוא האורח** - פירוש: מכח דער קשיא פון 'ארבעה מתו בעטיו של נחש', האט רבי יצחק געזאגט דער מימרא פון 'יעקב אבינו לא מת', כדי צו מרמז זיין פאר רב נחמן, אז אין אמת'ן אריין, איז דער דין אז 'אורח מברך', אזוי ווי די של"ה זאגט אז דעס איז דער טעם פארוואס דוד המלך האט געבענטשט, און נישט וויבאלד דוד המלך האט נישט געהאט קיין פגם, ווייל יעקב אבינו האט בעצם אויך נישט געהאט די פגם פון שתי אחיות, און אויב די גייסט פרעגן, איז פארוואס ווערט נישט יעקב אבינו אויסגערעכנט און די רשימה פון די מענטשן שמתו 'בעטיו של נחש', אויף דעם איז די תירוץ אז 'יעקב אבינו לא מת', איז פשוט אז מען קען אים נישט אויסרעכנען אין די רשימה פון די 'אנשים שמתו', און לעולם איז יעקב אבינו געווען שלם בלי פגם, און די גאנצע טעם פארוואס דוד האט באקומען בענטשן איז נאר מכח דער דין 'אורח מברך', וועגן דעם - זאגט רבי יצחק פאר רב נחמן - דארף איך באקומען בענטשן ווייל 'אורח מברך'. כפתור ופרח!

